בעזרת השם יתברך

# פרק לג-לד

## • יתרו •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

פאַרוואָס מען זאָגט דריי מאָל אַ טאָג דעם פסוק "והוא רחום יכפר עון" וגו'. - די 39 מלקות ראַטעווען פון די 39 קללות פונעם שלאַנג. - ווי שלעכט עס איז פאר דעם מענטש אויב ער איז בנידוי ח"ו אין הימל. - אַ תפילה פאַר דעם וואָס איז בנידוי ח"ו.

עבירות פאַר וועלכע בית דין איז מנדה אָ מענטש. - די שרעקליכקייט פון ניבול פה און עזות פנים. - דער עז פנים ווערט מגולגל אין אַ הונט ל"ע. - דער וואָס זינדיגט מיט אַן אשת איש רח"ל ווערט אויך מגולגל אין אַ הונט. - אַ מעשה פון די צייטן פון אריז"ל.

דער וועלט בארימטער **טשערנאבלער מגיד**, ר' אהרן זי"ע, און זיין אייניקל ר' יצחק מסקווירא האבן זייער משבח געווען דעם "קב הישר" און באפוילן צו לערנען אין אים.

# אינהאלט

## פון פרקים לג-לד

**א.** די וויכטיגקייט פון זאָגן יעדן טאָג "והוא רחום יכפר עון" וגו', ווייל עס איז מכפר אויף די עבירות. - מען דאַרף מקבל זיין אויף זיך מלקות כאָטש איין מאָל אַ חודש. - דער וואס איז מנודה ח"ו, ווערט זיין תפילה נישט צוגעהערט. - דער מענטש זאָל אויסוויילן איין טאָג ווען צו זיין פריי פון אַלעם און תשובה טוהן ביי זיך אין דער היים אַזוי ווי ער וואָלט ח"ו געווען מנודה. - דער נוסח פון ווידוי.......ה

**ב.** די שווערינקייט ניצול צו ווערן פון אַן עבירה אויף וועלכע מ'איז מחוייב מלקות.......ה

**ג.** מען דאַרף מקבל זיין אויף זיך מלקות.......ו

**ד.** די תפילה פון דעם מנודה ווערט נישט אָנגענומען.......ז

**ה.** אַ נוסח פון ווידוי צו זאָגן.......ח

**ו.** אין פרק ל"ד ווערן אויסגערעכנט די טעג ווען עס איז א סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיגע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס. - ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע.......יא

**ז.** אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט אין דער צייט פונעם אריז"ל.......יג

**ח.** בבית הגה"ק רבי הלל מקאלאמאייע זי"ע היה כלב מונח תחת שלחנו תמיד ובשום אופן לא היה כח לגרשו מן הבית, וכל הכאות בו לא הועילו, - וגילו לו כי הוא הי' רב לוע"ז ממקום פלוני, ושהי' סמוך לו, אשר קללו בקללות נמרצות, ונתגלגל בכלב הזה.......טז

# פרק ל״ג

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די וויכטיגקייט פון זאָגן יעדן טאָג ״והוא רחום יכפר עון״ וגו׳, ווייל עס איז מכפר אויף די עבירות. - מען דאַרף מקבל זיין אויף זיך מלקות כאָטש איין מאָל אַ חודש. - דער וואס איז מנודה ח״ו, ווערט זיין תפילה נישט צוגעהערט. - דער מענטש זאָל אויסוועהלען איין טאָג ווען צו זיין פריי פון אַלעם און תשובה טוהן ביי זיך אין דער היים אַזוי ווי ער וואָלט ח״ו געווען מנודה. - דער נוסח פון ווידוי.**

**א. חכמינו ז״ל,** אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן מתקן געווען צו זאָגן יעדן טאָג דריי מאָל דעם פסוק (תהלים עח, לח) ״וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן״ וגו׳, איין מאָל אין ״הוֹדוּ לַה׳ קִרְאוּ בִשְׁמוֹ״, און איין מאָל אין ״וּבָא לְצִיּוֹן גּוֹאֵל״, און איין מאָל ביים אָנהויב פון תפילת מעריב. דאָס איז דערפאַר ווייל אין דעם פסוק ״וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן״ וגו׳ זענען פאַראַן דרייצן ווערטער, אַנטקעגן די דרייצן מדות של רחמים, און דריי מאָל דרייצן באַטרעפט די צאָל ניין און דרייסיג (אַנטקעגן די מלקות וואָס מען באַקומט פאַר עובר זיין אויף אַ לא תעשה).

## די שוועריגקייט ניצול צו ווערן פון אַן עבירה אויף וועלכע מ׳איז מחוייב מלקות

**ב. והכוונה,** און די כוונה דערפון איז, ווייל יעדן טאָג שטאַרקט זיך דער יצר הרע אויף דעם מענטשן, און עס איז שווער געראַטעוועט צו ווערן פון אַן עבירה וואָס מ׳ווערט מחויב אויף איר ניין און דרייסיק מלקות. דעריבער העלפט די דאָזיקע תפילה (והוא רחום יכפר וגו׳) צו בעטן פון דעם אויבערשטן ברוך הוא אַז ער זאָל מוחל זיין זיינע עבירות גלייך ווי ער וואָלט געשלאָגן געוואָרן מיט די ניין און דרייסיג מלקות.

**ג. ובהיות,** און וויבאַלד די זינד איז גורם צו דערוועקן די משחיתים אף און חימה ח״ו, ווייל די צוויי האָבן שטענדיק מקטרג געווען אויף די אידן ווען זיי זענען געווען אין מצרים און דער אויבערשטער מיט זיין גרויס געגאָד און דערבאַרעמהאַרציקייט האָט זיך אַנטפלעקט צו זיין פאָלק די אידן, אין זכות פון די דריי אבות מיט די דריי הייליקע שמות אהי׳, הוי׳, און אדנ״י, וואָס צוזאַמען באַטרעפן זיי די צאָל פון וואָרט ״יבק״ (112), וואָס איז די ראשי תיבות פון די ווערטער י׳עננו ב׳יום ק׳ראנו. דעריבער זאָגט מען דעם דאָזיקן פסוק ״וְהוּא רַחוּם וגו׳ וְלֹא יָעִיר כָּל חֲמָתוֹ״, דאָס מיינט מען ער זאָל נישט דערוועקן די משחיתים אף און חימה ח״ו, און דערנאָך זאָגט מען באַלד דעם פסוק ״ה׳ הוֹשִׁיעָה הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם קָרְאֵנוּ״, באַשעפער, העלף, דער קעניג זאָל אונז ענטפערן אין דעם טאָג ווען מיר רופן צו אים.

**ד. ובהיות,** און ווייל דער ענין פון מלקות איז זייער גרויס, וואָס זיי זענען מציל פון די ניין און דרייסיק קללות מיט וועלכע דער שלאַנג איז געשאָלטן געוואָרן, און זיי איבערקערן די ניין און דרייסיק קללות צו טל פון ברכה, וואָס טריפט אין באַשטימטע צייטן אויף דעם קאָפּ פון די מענטשן וואָס ווילן זיך באַהעפטן אין דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט, און דער דאָזיקער טל דערוועקט זיי צו די וועגן פון יראת שמים, און דאָס איז ממש דער טל פון תחיית המתים וואָס דער אויבערשטער וועט דערמיט לעבעדיג מאַכן די טויטע און דער דאָזיקער טל איז געאייניציקט צו דערנענטערן די נשמות פון די טויטע צו דער קדושה.

## מען דאַרף מקבל זיין אויף זיך מלקות

**ה. על כן,** דעריבער זאָלט איר זיך נישט פוילן פון צו נעמען אויף זיך מלקות כאָטש איין מאָל אַ חודש, ווייל אויף דעם האָט אויך אברהם אבינו ז״ל מתפלל געווען ווען ער האָט געזאָגט (בשעת ער האָט געבעטן פאַר אויף די מענטשן פון סדום) (בראשית יח, כט) ״אולי

ימצאון שם ארבעים״, טאָמער וועלן זיך דאָרט געפונען פערציק (צדיקים), ווי עס שטייט אין זוהר אַז אברהם האָט געמיינט צו זאָגן, טאָמער וועלן זיך דאָרט געפונען אַזעלכע מענטשן וואָס זיי שלאָגן זיך פערציק מלקות. האָט דער אויבערשטער געזאָגט, ״אם אמצא שם״ וגו׳, אויב איך וועל דאָרט געפינען אַזעלכע מענטשן, וועל איך נישט פאַרדאַרבן די שטאָט סדום.

**דעריבער** ליגט אויף דעם מענטש מקבל צו זיין אויף זיך מלקות אויף דער וועלט, כדי ער זאָל נישט געשלאָגן ווערן מיט מלקות אין עולם הבא.

**ו. כי יש,** ווייל עס זענען פאַראַן פילע עבירות וואָס אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אַז דער וואָס טוט זיי זאָל זיין אין נידוי, און דער טייטש דערפון איז, ער איז ווערט מען זאָל אים מנדה זיין, און אויב אַזוי, אויב מען האָט אים נישט מנדה געוועזן אויף דער וועלט איז ער מנודה ביי דעם בית דין של מעלה, און דאָס איז זייער שלעכט פאַר דעם מענטש אויב מען איז אים מנדה אין הימל.

## די תפילה פון דעם מנודה ווערט נישט אָנגענומען

**ז. כי,** ווייל אַזוי לאַנג ווי דער מענטש איז אין נידוי ווערט זיין תפילה נישט געהערט און זיין נשמה איז נע ונד פון דער הייליקער מחיצה אויבן אין הימל, און עס ווערן פון אים אָפּגעטוהן די מלאכים וואָס היטן די אידן, און ווען ער איז אונטערוועגנס אָדער אין אַן אַנדערע מסוכנ׳דיקן אָרט קען ער לייכט געשעדיקט ווערן ווייל ער איז ממש אַזוי ווי הפקר וויבאַלד מען קוקט זיך נישט אום אויף אים פון הימל.

**ח. ובאם,** און אויב זיין ווייב ווערט טראָגעדיג פון אים אין די טעג ווען ער איז אין נידוי פון בית דין של מעלה, וועט דאָס קינד וואָס וועט געבוירן ווערן זיין איינער פון די פושעים וואָס טוען ווידערשפעניקן קעגן דעם אויבערשטן׳ס תורה.

**ט. ואם כן,** און אויב אַזוי, דער מענטש וואָס איז קלוג און פאַרשטייט דעם תכלית פון די חכמה, זאָל ער אַליין פאַרשטיין אַז ער דאַרף זיך צוביילן און פאַרריכטן די זאַך אָן פאַרזוימונג, ווייל ווער ווייסט וואָס עס וועט מיט אים פּאַסירן שפּעטער, טאָמער וועט ער פלוצלונג שטאַרבן ח״ו און זיין נשמה וועט נישט קענען צוריקגעקערט ווערן צו דעם אָרט וואָס זי איז פון דאָרט אויסגעהאַקט געוואָרן, און זי וועט איבערגעגעבן ווערן צו די משחיתים און אַכזריות׳דיקע מחבלים.

**י. ולזה,** און צוליב דעם וועל איך דאָ אַראפּשרייבן דעם תיקון וואָס איך האָב געפונען אין די כתבים פון דעם אר״י ז״ל. דער תיקון איז ווי פאָלגנד, דער מענטש זאָל זיך אויסדערוועהלן איין טאָג ווען ער זאָל זיין ליידיג פון אַלע זיינע געשעפטן, און אַזוי זאָל ער זיך פירן. ער זאָל פאַר זיך אויסדערוועהלן אַ באַזונדערן אָרט אין זיין הויז און זאָלן זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד אַזוי ווי אַ מנודה, און ער זאָל זאָגן, איך זיץ כדי מקבל צו זיין אויף זיך נזיפה און נידוי וואָס איך בין מחוייב געוואָרן פון דעם בית דין של מעלה פאַר די זינד וואָס איך האָב געטוהן בשוגג און במזיד, און איך האָב ווידערגעשפּעניקט קעגן דיר.

## אַ נוסח פון ווידוי צו זאָגן

**יא. אשמתי בתורתך,** איך האָב געזינדיקט קעגן דיין תורה, איך האָב געפעלשט אין דיין יראה, איך האָב פוגם געווען אין דיינע ספירות, איך האָב אַריינגעוואָרפן אַ פלעק אין דיין קדושה. דאָס ריינע וואַסער וואָס קומט אַרויס פון דעם אויבערשטן׳ס בית המקדש, האָב איך זיי געפירט אין בית הכסא דאָס אומריינע אָרט. דאָס הייסט די מצוות און מעשים טובים האָב איך פאַראומרייניקט מיט מיינע שלעכטע מעשים. איך האָב צעשטויסן דיין מזבח, איך האָב פאַרשוועכט דיין ברית קודש. איך האָב פוגם געווען

אין דיינע זיבן און צוואנציק הייליקע אותיות (פון אלף-בית) איך האָב געגעבן שטאַרקייט צו די קליפות.

**יב. והנה,** און אויב איך בין מחוייב געוואָרן נידוי ביי דיין גערעכטן בית דין, אָדער פון דעם אויבערשטן ברוך הוא און זיין שכינה, בין איך דאָך שוין געזעסן אַליין און איך האָב אויף מיר מקבל געווען דעם דין און איך האָב חרטה און איך וויין אויף מיינע זינד, און איך וועל זיך שוין מער נישט אומקערן צום שלעכטן וועג.

**יג. התר,** זיי מתיר, באַשעפער וואָס דו האָסט באַשאַפן אַלץ אין די ששת ימי בראשית. פאַרגעב, דו שטאַרקער ג-ט, ווייל דו ביזט אַ קעניג וואָס דו פאַרגיבסט און דו ביזט מוחל די עבירות, און העלף מיר צו קענען זיין פון די מענטשן וואָס טוהען תשובה פאַר דיר יעדן טאָג מיט זייער גאַנצן האַרץ, און זייערע זינד זאָלסטו מער נישט דערמאַנען, אמן סלה.

**והנה,** עס איז ווערט פאָרצושטעלן פאַר דיר אַ גרויסן און מורא׳דיקן יחוד, אָבער וויבאַלד אַז נישט אַלע מוחות זענען גלייך, און בפרט אַז די הערצער זענען פאַרמינערט געוואָרן, טאָמער וועט צעשטערט און איבערגעקערט ווערן דער סדר און עס וועט זיין אַ שטרויכלונג און נישט אַ פאַרריכטונג, דערפאַר האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ קורצע תפילה אויף איר אָרט, און דער אויבערשטער וואָס ער פרובט די הערצער זאָל זי אָננעמען וויליג, און דאָס איז די תפילה:

**יד. רבונו של עולם,** האַר פון דער וועלט, עס איז אַנטפּלעקט און באַקאַנט פאַר דיר אַז מיין זעל גלוסט זעהר שטאַרק צו זאָגן די פסוקים פון די יחודים און מכוון צו זיין אין דעם גרויסן און מורא׳דיגן יחוד, מייחד צו זיין דיינע הייליקע שמות מיט ליבאַשפט, נאָר אונזערע זינד האָבן זיך געשטאַרקט אויף אונז און זיי זענען פאַר אונז ווי אַ שווערע משא, און צוליב דעם האָט דער

גשמיות׳דיגער חומר זיך אַזוי פאַרמערט ביז מיר קענען נישט מכוון זיין גוט טאָמער וועלן מיר קאַליע מאַכן און נישט פאַרריכטן צוליב דער הויט פון צרעת וואָס איז געוואָרן צוליב אונזערע זינד, ווי אַזוי קען איך זיך דערנענטערן צו דעם אָרט פון דער קדושה, און ווי אַזוי וועל איך קומען צום טויער פון דעם אויבערשטן וואָס ער איז דער קעניג איבער אַלע קעניג ווען איך בין אָנגעקליידעט מיט אַ זאַק, דעריבער, האַר פון דער וועלט, דערבאַרעם זיך און האָב רחמנות, ג-ט, וואָס דו ביזט דער האַר פון פאַרגעבונג.

**טו. ויערב,** און פאַר דיר, הויכער און דערהויבענער ג-ט, זאָל זיין זיס אונזער תפילה, גלייך ווי איך וואָלט פאַרראָכטן אַלע פגמים און ווי איך וואָלט אַריבערגעפירט אַלע פלעקן דורך די כוונות און יחודים, אַזוי זאָלן זיי פאַרראָכטן ווערן מיט דער דאָזיקער תפילה וואָס איך זאָג מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַ נידעריג געמיט, און דער פסוק זאָגט ״לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה״, אַ צעבראָכן און צעשטויסן האַרץ טוסטו, ג-ט, נישט פאַרשעמען.

**טז. ואחר כך,** און דערנאָך זאָל ער זיך אויפהייבן פון דער ערד און ער זאָל אַ גאַנצן טאָג עוסק זיין אין תורה און אין תפילה, און דאַן וועט מען פון הימל רחמנות האָבן אויף אים און עס וועט אָפּגעטוהן ווערן פון אים די שטראָף פון נידוי וואָס ער איז מנודה געוואָרן פון הימל, און זיין האַרץ קען זיין פאַרזיכערט אַז אויב ער וועט אַזוי טוהן ווי איך האָב געשריבן אויבן, וועט דער אויבערשטער ברוך הוא אים מוחל זיין און ער וועט אים אויסהיילן פון זיינע זינד. און איצט וועל איך פאַר דיר אַראָפּשרייבן אַ באַזונדערן פרק וועגן די זאַכן וואָס דער מענטש ווערט צוליב זיי מנודה ביי דעם בית דין של מעלה, און דאָס איז ווי פאָלגענד:

❖ ❖ ❖

# פרק ל״ד

**אין דעם פרק ווערן אויסגערעכנט די טעג ווען עס איז א סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיגע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס. - ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע.**

**א. אלו דברים,** דאָס זענען די זאַכן וואָס בית דין של מעלה זענען מנדה דעם מענטש וואָס איז עובר אויף זיי.

**ב. מי,** דער מענטש וואָס רעדט ניבול פה, מיאוס׳ע רייד חס ושלום, דער מענטש וואָס רירט אָן זיין ברית קודש.

**ג. המיקל,** דער מענטש וואָס האַלט פאַר גרינג די מצוות וואָס די חכמים ז״ל האָבן מתקן געווען. צום ביישפיל, דער וואָס טוט גרינגשעצן דאָס וואַשן די הענט אינדערפרי [ביי נעגל וואַסער] און צום עסן, אָדער איז מזלזל אין די דינים פון מוקצה און ענלעכע איסורים דרבנן.

**ד. המזלזל,** דער מענטש וואָס איז מזלזל אין דעם כבוד פון תלמידי חכמים, סיי פאַר זיי אין די אויגן און סיי אונטער זייערע אויגן.

**ה. המחלל,** דער מענטש וואָס מאַכן אָן אַ חילול השם און ער רעדט שלעכטע רייד אויף דעם כלל ישראל.

**ו. מי שהוא,** דער מענטש וואָס איז אַ גבר אלם און וויל נישט פאָלגן די דין תורה, און ער מאַכט מיד זיין בעל דין אַז ער מוז זיצן און גאָרנישט טוהן, אָדער ער איז גורם פאַר זיין חבר אַ שאָדן פון געלט דורך דעם וואָס ער דאַרף צאָלן די הוצאות פאַר דעם משפט.

**ז. האומר,** דער וואָס זאָגט שירות ותשבחות שנעל און זאָגט נישט אַרויס פון זיין מויל די גאַנצע ווערטער מיט אַ קלאָרע שפּראַך פון ״ברוך שאמר״ ביז די תפילה פון ״ישתבח״.

**ח. המלעיג,** דער וואָס שפּעט אָפּ פון ערליכע און פרומע מענטשן.

**ט. המדבר,** דער וואָס רעדט אַ סאַך מיט אַ פרעמדע פרוי כדי צו קוקן אויף איר שיינקייט, און ער קען פאַרקירצן זיינע רייד אָבער ער האָט אין זינען צו דערפילן די תאווה פון זיין יצר הרע.

**י. המחזיק,** איינער וואָס שטיצט אַ מחלוקת און חנפ׳עט זיך צו אַ רשע, וואָס צוליב זיין חניפה שטיצט ער די שלעכטע מעשים פון דעם רשע וואָס ער שטאַרקט זיך דערמיט, און אויף די אַלע דאָזיקע זאַכן איז ער מנודה ביי דעם בית דין של מעלה און ער דאַרף פאַרריכטן זיינע מעשים, אַזוי ווי איך האָב געשריבן אויבן אין פרק ל״ג.

**א. ועבירה,** און די האַרבסטע עבירה פון די אויבן דערמאנטע צען עבירות איז די עבירה פון ניבול פה און איינער וואָס רעדט אפיקורסישע רייד קעגן די תלמידי חכמים, און דער וואָס איז אַ גבר אלם און וויל נישט פאָלגן דעם דין תורה, און נאָך אַן עבירה איז פאַראַן וואָס איז האַרבער פון אַלע אויבן דערמאנטע עבירות, וואָס בית דין של מעלה טוט אים אויך מנדה זיין דערפאַר, איז דער מענטש וואָס איז אַן עז פנים קעגן מענטשן, ער שעמט זיך נישט פאַר קיינעם. פאַר אים איז נישט גענוג צו זיין אין נידוי, נאָר זיין שטראָף איז אַז ער ווערט מגולגל אין אַ הונט, און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (ישעיה נו, יא) ״וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ״, און די הינט זענען עזי פנים.

**ב. ואם תאמר,** און טאָמער וועסטו זאָגן אַז דאָס איז אַ לייכטע שטראָף, קום און זע איין זאַך און טראַכט זיך אַריין אין דער דאָזיקער שטראָף, דאָס איז גלייך צו איינעם וואָס איז געקומען אויף אַן אשת איש רחמנא ליצלן, און דו זאָלסט עס גוט וויסן.

## אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין דער צייט פונעם אריז״ל

**ג. מעשה אחד,** אַ מעשה ווערט געברענגט אין די כתבים פון דעם אר״י ז״ל, אַז אין זיין צייט איז געווען אַ חסיד וואָס זיין נאָמען איז געווען רבי אברהם אבן פואָ״ה זכרונו לברכה. דער דאָזיקער מאַן איז געווען אַ גרויסער עושר און זיין האַנט איז געווען אָפן צו געבן צדקה צו אָרימעלייט. בשכנות נעבן אים האָט געוואוינט אַ איד וואָס האָט געהאַנדלט מיט די פּרוי פון דעם אויבן-דערמאנטן ר׳ אברהם, ווייל זיין ווייב האָט עוסק געווען אין משא ומתן.

**ד. ופתאום,** און פּלוצלונג איז געפאַלן אויף יענעם שכן אַ קראַנקהייט רחמנא ליצלן און ער איז געלעגן אין בעט אַ לאַנגע צייט ביז זיין פלייש האָט אָנגעהויבן פאַרפוילט ווערן. ער האָט אויסגעגעבן אַ סאַך געלט פאַר דאָקטוירים, אָבער קיינער האָט נישט געקענט געפונען אַ היילונג פאַר זיין קראַנקהייט און יענער מאַן איז געשטאָרבן פון זיין קראַנקהייט מיט שווערע און ביטערע יסורים.

**ה. ואחר,** און נאָך אַ סאַך יאָרן איז געקומען אַ הונט און האָט כסדר אַרומגערינגלט דאָס הויז פון דעם אויבן דערמאנטן ר׳ אברהם אבן פואָ״ה, און דער דאָזיקער הונט איז געווען זייער אַ שוואַרצער און מיאוס׳ער הונט. ווען מענטשן האָבן אים געזעהן האָבן זיי געציטערט פון אים, ווייל זיין פּנים איז געווען ווי פון אַ מזיק, און מיט שטעקנס פלעגן זיי שטענדיק אַוועקטרייבן דעם הונט פונעם הויז פון דעם דערמאנטן רבי אברהם חסיד, אָבער דער הונט פלעגט אַלץ צוריקקומען צום הויז.

**ו. ותמיד,** און שטענדיק ווען דער דערמאנטער רבי אברהם האָט זיך געפעדערט צו גיין אין דער שוהל האָט ער געטראָפן דעם דאָזיקן שוואַרצן הונט שטיין ביי דער טיר און ער האָט געוואַרט ביז מען וועט עפענען די טיר, און ער האָט זיך געוואָלט אַריינשטופּן מיט כח אין דעם הויז, און שטענדיק האָט רבי אברהם חסיד׳ אים פאַרטריבן

און געהייסן פאַרשפאַרן די טיר נאָך אים, פונדעסטוועגן איז דער הונט אַלץ צוריקגעקומען און האָט געוואַרט ביי דער טיר ביז מען וועט עס עפענען.

**ז. ופעם אחת,** און אַמאָל האָט פּאַסירט ווען דער חסיד איז אַרויסגעגאַנגען גאָר פרי פון זיין הויז און ער האָט פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר פון הויז און פון דעם ווינטער צימער, און באַלד איז דער הונט אַריינגעשפרונגען אין דעם הויז און איז אַרומגעשפרונגען פון איין צימער צום אַנדערן ביז ער איז אָנגעקומען צו דעם צימער וואו עס האָט זיך געפונען די פרוי פון דעם אויבן דערמאנטן רבי אברהם וועלכע איז נאָך אַלץ געלעגן און געשלאָפן אויף איר בעט. דער הונט איז אַרויפגעשפרונגען אויף איר בעט און האָט איר גאָר שטאַרק צעביסן און פאַראורזאַכט קרעץ און וואונדן, און דערנאָך איז ער אַנטלאָפן פון דעם הויז.

**ח. והאשה,** די פרוי פון רבי אברהם האָט גאָר שטאַרק געשריגן ביז איר קול איז געהערט געוואָרן אין הויז פון דעם אר״י ז״ל, און איר מאַן רבי אברהם חסיד און אַנדערע מענטשן זענען געקומען צו הרב רבי יצחק לורי״א.

**ט. והשיב,** האָט דער אר״י ז״ל געענטפערט, די אורזאַך איז ווייל די פרוי האָט ליידער מכשיל געווען איר שכן מיט גרויסע עבירות, און דער דאָזיקער שוואַרצער הונט איז אַ גלגול פון דער נשמה פונעם שכן, און זי האָט גורם געווען מיט אירע רייד און מיט דעם געלט וואָס זי האָט געגעבן צו דעם שכן אַז ער זאָל זינדיגען מיט הארבע עבירות, דערפאַר האָט דער הונט איצט נקמה גענומען אין דער פרוי.

**י. ואחר כך,** און דערנאָך האָט מען באַשוואוירן די פרוי אַז זי זאָל דערציילן דעם אמת, און זי האָט טאַקע מודה געווען אַז מיט אירע פילע זינד פלעגט זי מכשיל זיין דעם שכן צו זינדיגען אין

אַז מיט אירע פילע זינד פלעגט זי מכשיל זיין דעם שכן צו זינדיגען אין דעם הויז וואו זי האָט געהאַנדלט, און דערפאַר איז דעם שכנ׳ס פלייש פאַרפוילט געוואָרן, און דערנאָך האָט זי געוואָלט תשובה טוהן און זי איז געשטאָרבן פון איר תשובה, אָבער דער חסיד האָט איר תיכף פאַרטריבן פון זיין הויז.

**יא. בא וראה,** קום און זעה, אַז די זינד פון אַן עז פנים איז אויך אַזוי ווי די זינד פון אַ מענטש וואָס זינדיקט מיט איסורי עריות, ווייל דער עז פנים ווערט אויך מגולגל אין אַ שוואַרצן הונט, דעריבער זאָל אַ מענטש זעהן זיך צו פירן מיט בושת פנים, און יראת שמים זאָל שטענדיק זיין אויף זיין פנים, און דאַן וועט אים אייביג גוט זיין.

❖ ❖ ❖

# הוספות לאות א׳

**בבית הגה״ק רבי הלל מקאלאמאייע זי״ע היה כלב מונח תחת שלחנו תמיד ובשום אופן לא היה כח לגרשו מן הבית, וכל הכאות בו לא הועילו, - וגילו לו כי הוא הי׳ רב לוע״ז ממקום פלוני, ושהי׳ סמוך לו, אשר קללו בקללות נמרצות, ונתגלגל בכלב הזה.**

**בספר זוהר דעת** דף ס״ג מביא מספר דרך הנשר, (ומובא ג״כ בספר שמרו משפט - שיחות דף ע״ב) וז״ל: כתב בספר דרך הנשר בשם הגאון ר׳ יצחק ראב״ד ווערבא שהה״צ ר׳ עקיבא יוסף שלעזינגער ז״ל (חתן הגה״ק ר׳ הלל מקאלאמייא זצ״ל) כתב בספרו שמרו משפט שבשנת הכת״ר לפ״ק בערב פסח בא לבית חותנו איש אחד מאזיען בשם ר׳ אליעזר ב״ר שמעון ממדינת טיבעט (שהוא בין יאפאן וכינא) ודבריו היה רק בלשון הקודש ובקשתו הי׳ מחותנו הה״ק ר׳ הלל זצ״ל להיות אצלו פסח בלבד, ורק בתנאי זה כי הסדר יעשה הוא בעצמו על שלחן מיוחד לו, והוא יתן לו המצות וצרכי הסדר, ונרצה לו, והי׳ כן, ולא אכל בליל פסח, כ״א כשיעור כזית מצה כהלכה, ושוב לא אכל כל הפסח עוד מצה, ורק אכילתו הי׳ מפירות ותפוחי ארץ ולוזים, ולא רצה לקבל שום מתנה, ולא שום ממון ולא צרכי נסיעה, וכו׳, והדברי׳ אשר שמעתי ממנו וראיתי אותו בחג, ואכתוב קצת אשר בזכרוני.

**הסדר הי׳** בלהבות פלאים כל פסוק אשר אמר בקול הי׳ מתרגם אותו בלשונו אשר לא נודע לנו, ורק איזהו דברי זוהר ומדרשים אשר אזכיר בתוכם שמענו, התפלל בהתלהבות בקולות וברקים לערך ב׳ או ג׳ שעות ואח״כ בא לביתו וטעם רק תפוחי ארץ ביצים ופירות וכיוצא בלא בשר ומצה, ולא הי׳ זמן לשמוע ולדרוש ממנו, כ״א בחוה״מ וביו״ט דרשתי ממנו על מהותם ומהות תורתם, וא״ל כי הוא משולח ובא בטעם כמוס ע״פ מצות הראשים, כאשר אביו

הוא ג״כ ראש הב״ד, וביניהם הם במספר לערך צ״ו אלפים ב״י תחת דגלם, וסדר הזה עם שרי עשרה שרי חמישים שרי מאות שרי אלפים והם מקיימין המעשרות, וכל בי עשרה ביכלתם להחזיק פרנסת מנהל ת״ח היושב עה״ת ועבודה ומלמד עמהם בשבתות ומועדים בקביעות עתים לתו׳ לפי יכלתם, ראש הנשיאים הוא מקובל ובעל רוה״ק והוא מנהיג הדור ע״פ הוא נעשה כ״ד, צדיק מושל ביראת אלקים ולא לבד לשפוט את עדתם כ״א כמו שכ׳ אצל בני יששכר יודעי בינה לעתים מה יעשו ישראל בכל הגולה, ואצלו ס׳ בשם האבי״ב (ר״ת א׳חינו ב׳ני י׳שראל ב׳גולה).

**והנה** מה שדיבר בסוד עם מנו״ח זצ״ל לא אדע, ורק אשר שמעתי וראיתי ממנו אני כותב כי שקר שנאתי, והנה האיש הזה דברתי עמו בד״ת ביו״ט והוא רצה רק בלימוד הפייט של ר״א הקליר, ובו דרש ע״ד האמת וכו׳ עם עמקות אשר ל״ה מוחי סובל, בשרשי הגלגולים, ועד״ז גילה לי הנשמות של דורינו, ואמר כי הראשונים מן לועזים בלע״ז המה באו בגלגול מן דור של כת ש״ץ ימ״ש, כאשר נכשלו עם חצונים ובאו לחיצונים.

**ואעתיק** ממקצת מס׳ האביב מהנוגע לדעת בדורנו וז״ל: ר׳ נתן אדלר ותלמידו ר׳משה סופר מפ״ב מקובלים בנסתר, רנ״א רצה לפסול השוחטים דפפד״מ, ולהכניע חותם הס״א ששורה על שוחטים פסולים בסוד על חרבך תחי׳ וגו׳ ואלמלא השיג כל רצונו בא משיח, אך הס״ם העמיד עליו רודפים קצבים והוצרך לברוח מפ״פ ועל ר׳ משולם טימסניץ מפ״ב כ׳ נשמת שרף - ועל הנוב״י כ׳ עינו כעין חשמל - ועל מדינת מעהרן פיהם כ׳ נחתם היא עם חותמו של ס״מ ר״ל, וישמור עצמו כל בעל נפש לעבור שם (ואין לך דבר שעומד בפני התשובה).

**ובעיר פראג** כ״ז שהי׳ הנודע ביהודה בחיים לא היה יכול הס״מ להיות שם, רק בדוחק בבחינת אורח ועכשיו מולך שם,

**ותחלת הקלקול יצא ע״י חזן וקאה״ר וכו׳ - ועל בתי כנסיות אלו כתב שם כל תפלתם בהם תועבה כמו אשר מתפלל בבית הכבוד**, וגרוע יותר כי שם אשר מזכירין שם.

**ועוד זאת** הי׳ לי לפלא, כי בבית מו״ח היה כלב מונח תחת שלחנו תמיד ובשום אופן ל״ה כח לגרשו מן הבית, וכל הכאות בו לא הועילו, וכאשר ראה הוא כן אמר לי למה אינו מתקן את הכלב הזה, וכי לא ידע מנהו כי זה הי׳ רב לוע״ז ממקום פלוני ושהי׳ סמוך לו, אשר קללו בקללות נמרצות, ונתגלגל בכלב הזה, והיא בסוד ויקרא ל״ה נובח בשמו, כי לה ר״ת לשון הנכרים, (וכזה כ׳ בילקוט ראובני גם בר״ת לשון הרע).

**וחשבתי** שאינו כדאי להזכיר זה למו״ח, אך בא היום וכו׳, ספרתי דברים הנ״ל למו״ח אשר אמר לי האיש הנעלמי הנ״ל, והשיב לי אני לא אדע איזה תיקון לעשות לו, והגדתי זה להנ״ל, וא״ל זה תיקונו אשר יעשה לו והגדתיו למו״ח ועשה כן, ומן אותה השעה נעלם הכלב ולא בא עוד והי׳ לפלא, וגם בעיני יפלא, והאיש הנ״ל ברגלו בא וברגלו הלך בבוקר אסרו חג אחר תפלת שחרית, והי׳ ברצוננו שיסע על מסילת הברזל כנהוג ולשלם בעדו ולא רצה לקבל שום ממון לעזר וכתב, כ״א לקיים את פקודתו אשר קבל מן הראשים שלהם, להיות פסח אצלינו לבד, ושוב לשוב לדרכו אשר פנה על דרך קאשויא, ומשם דרך פולין ורוסיא לפנות, והלכתי אני עם בני הישיבה שלי שהי׳ לי לערך ע׳ תלמידים אז, ללותו לדרכו, עד כי נעלם, ע״כ.

❖ ❖ ❖